# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון
שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשת **ניצבים וילך-ראש השנה** תשפ"ד ◆ עלון מס': **122**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

## אריינלייגן אין א סכנה איז די פארקערטע פון בטחון

מיט אן אינטערעסאנטער שילוב האט הקב"ה אויסגעשטעלט די וועלט. אין די זעלבע תורה וואו עס שטייט אז א איד דארף גלייבן אז אלעס קומט פון אויבן, אז אלעס מאכט דער רבוש"ע, אז מען קען זיך נישט א ריר געבן אן דעם רבוש"ע, איז אויך דא א שטרענגע פאדערונג צו השתדלות און זיך צו דערווייטערן פון יעדן זאך וואס קען אריינלייגן א מענטש אין א סכנה.

דער שילוב קומט אן שווער ביי אסאך מענטשן. נישט יעדער איינער ווייסט וואו צו לייגן דעם גרעניץ צווישן די צוויי זאכן. ביי אסאך אידן וועט זיין פשוט אז מען דארף האבן אמונה, אבער דער נושא פון השתדלות איז ווייניגער קלאר, און זיי וועלן נוצן די בטחון אויך אויף זיך ארייצולייגן אין שווערע סכנות.

דער רבי רעדט דערוועגן און זאגט קלאר ארויס אז דאס איז נישט אויסגעהאלטן אין קיין שום וועג. אנהייב פון דער פרק ד' וועט דער רבי ברענגען עטליכע שטארקע ביישפילן וואס וועלן דערווייטערן דעם מענטש פון אזא געדאנקענגאנג בכלל ובכלל.

דער רבי אין חובת הלבבות וועט רעדן פון איינער וואס וועט אויפ'ן גרונט פון בטחון אויסטרינקען סם אדער זיך קריגן מיט חיות טורפות.

אויף אזא איינער וועט דער רבי זאגן אז דאס איז נישט אויסגעהאלטן, און דער סוף פון אזא איינער וועט נישט זיין גוט. די סיבה דערצו איז, ווייל עס איז טאקע רעכט אז אלעס מאכט הקב"ה, אז אלעס טוט ער, אבער דאך וויל הקב"ה נישט אז מען זאל אים אויספראבירן.

דער רמב"ן אין פרשת בא זאגט אז איין מאל אין די בריאה האט הקב"ה מגלה געווען אז ער קען אויך משדד זיין די מערכת, אז ער איז העכער פון די טבע, כדי די אמונה זאל ווערן איינגעווארצעלט ביי אונז, אבער מער ווי דעם וויל ער עס נישט ווייזן און וועגן דעם איז נישט כדאי אז מען זאל אים מנסה זיין.

בלויז ביי איין מצוה זאגט השי"ת אז מען מעג אים מנסה זיין און דאס איז ביי די מצוה פון צדקה וואו די תוה"ק זאגט ארויס 'ובחנוני נא בזאת', אבער נאר דארט, ערגעץ אנדערש נישט, ווייל אין אן אנדערן ארט טאר מען נישט אויספראבירן הקב"ה.

אין שער אהבת השם פרק ו' אין חובת הלבבות ברענגט דער רבי אראפ א מעשה פון א חסיד וואס איז געשלאפן אין מדבר און זיין ידיד האט אים געפרעגט צי ער האט נישט מורא צו שלאפן אין מדבר? און דער חסיד האט אים געזאגט אז ער שעמט זיך מורא צו האבן פון א זאך וואס האט נישט קיין שייכות מיט הקב"ה.

פרעגט דארט דער פת לחם אויפ'ן ארט, אז די מעשה שטימט נישט מיט דער דערמאנטער יסוד וואס דער רבי שטעלט דא אוועק! נאר ער געבט צו פארשטיין אז עס איז דא א פונדאמענטאלער חילוק צווישן די צוויי געשעענישן.

עס איז אמת אז דער מענטש טאר זיך נישט אריינלייגן אין א סכנה, אבער ביי יענער חסיד האט זיך עס גערעדט אז עס איז אים אויסגעקומען אריינצופאלן אין א מקום סכנה און ווען א מענטש פאלט אריין אין א סכנה מעג ער האבן בטחון אז הקב"ה וועט אים ראטעווען, אנדערש ווי ווען ער לייגט זיך אליין אריין אין א סכנה, ווייל דאס איז אסור בתכלית האיסור.

זאל הקב"ה העלפן אז מיר זאלן געהאלפן ווערן דעם ראש השנה און ניצול ווערן פון אלע מיני סכנות און שוועריגקייטן וואס עס קען קומען, און מיר זאלן פארשריבן ווערן בספרן של צדיקים אויף א געזונטע און א לעכטיגע יאר.

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

## אין יעדן 'מקום' און אין יעדן 'מצב'

עס דערציילט מיר א ידיד:

מיט א שטיק צייט צוריק זייענדיג אונטערוועגנס האב איך זיך באגעגנט מיט א איד וואס האט זיך פארגעשטעלט פאר מיר אלץ 'אוריאל'.

דער איד האט געמאכט אויף מיר א גוטער איינדרוק און מיר האבן זיך באפריינדעט.

אזוי רעדנדיג געט מיר אוריאל א זאג: דו קוקסט מיר אן, עס דוכט זיך דיר אז איך בין אלעמאל אזוי געווען, אבער עס איז טעות!

נאך איידער איך האב אים געקענט פרעגן וואס ער מיינט דערמיט, האט ער ווייטער געשילדערט זיין אמאליגער מצב.

איך בין געבוירן געווארן אין א פרומער שטוב, אבער מיט עטליכע יאר צוריק האב איך פארלוירן דעם טעם אין לעבן. איך האב אפגעלאזט אלעס אין די וועלט, איך האב אנגעהויבן גליטשן און גליטשן, איך בין אראפ מטה, מטה, איך האב געלעבט מיט די פילאזאפיע אז לאמיר כאטש היינט הנאה האבן, ווייל א מענטש לעבט דאך נישט אייביג און איך בין ליידער אנגעקומען צו די טיפסע אפגרונדן. איך בין אזוי אנגעגאנגען א לאנגער צייט ביז איין טאג האב איך באקומען א טעלעפאן קאלל פון מיינע עלטערן. זיי האבן געבעטן אז איך זאל ארויפקומען צו זיי אין שטוב, זיי ווילן עפעס רעדן מיט מיר.

נו, אז זיי בעטן אז זיי ווילן רעדן, לאמיר זיי צוליב טון, מיר זענען געווען אין א גוטער באציהונג.

צו די באשטימטע שעה בין איך ארויפגעקומען צו זיי אין שטוב, איך האב געטראפן מיינע ביידע עלטערן זיצן אין שטוב ביי די דיינינג רום שטוב, עס איז געווען קענטליך אויף זיי אז זיי זענען זייער גערירט.

מיט טרערן אין די אויגן האבן זיי מיר געזאגט נאכ'ן אריינקומען אין צימער. "מיר ווילן דיר זאגן, אוריאל, אז דו ביסט אונזער קינד! און אז וואס דו זאלסט נאר טון, וואו דו זאלסט נאר זיין, ווי אזוי דו וועסט נאר אויסקוקן, האבן מיר דיר ליב, דו ביסט אונז טייער, מיר זענען אייביג דא פאר דיר". זיי האבן אפגעזאגט זייערס און טרערן זענען געפלאסן פון זייערע אויגן. "און עס איז געווען די דאזיגע ווערטער וואס האט מיר גענצליך צובראכן", האט אוריאל אויסגעפירט.

איינמאל איך האב דאס געהערט האב איך שוין נישט געקענט בלייבן די זעלבע וואס איך בין געווען. איך האב אפגעלאזט אלעס און זיך אנגעהויבן צוריקקערן צו אידישקייט און היינט בין איך שוין דער אמאליגער אוריאל, ווי איך בין געווען נאך איידער איך האב אנגעהויבן גיין מטה, מטה.

מיר געפינען זיך אצינד אין די ימי הרחמים והרצון און דער רבוש"ע קומט אראפ צו אונז און זאגט אונז די זעלבע זאך: איך בין מיט ענק אין יעדן מצב, וויאזוי איר קוקט נאר אויס.

די גמרא אין מסכת ראש השנה [דף י"א עמוד ב'] שטעלט צו דער שופר פון ראש השנה צו די שופר פון קיבוץ גליות, און די מסקנא איז אז אין חודש תשרי וועט מען ווערן אויסגעלייזט.

דער מהר"ל געבט צו פארשטיין דער קשר פון דעם שופר צו די גאולה. ער זאגט אז די שופר איז מסוגל מקבץ זיין די נדחים. עס איז אן אויסרוף פאר קיבוץ נדחים סיי בזמן הזה און סיי לעתיד און ווען די נדחים קומען זיך צוזאמען איז די גאולה דא.

דאס איז אונזער גאולה! מיר וועלן הערן דעם קול השופר און עס דערהערן, מיר וועלן הערן ווי הקב"ה רעדט צו אונז און זאגט אונז: מיין טייער קינד, איך בין אייביג מיט דיר, אין יעדן מצב, קום צו מיר און בעט מיר וואס דו דארפסט. און מיר וועלן זיך מתקבץ זיין ארום אים.

זאל מען זוכה זיין אז היי יאר זאל שוין זיין די שנת הגאולה.

א כתיבה וחתימה טובה

**פינחס שפר**

השגחה פרטית האטליין
אידיש. העברעאיש. ענגליש.

שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:

פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28

פון אוסטרליע 613-996-10005 • פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633

• פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## א שופר פון פלעסטיק

איך וואוין אין ענגלאנד, און פאר יארן לאנג דין איך אלץ א בעל תוקע און כ'בין מזכה אידן אז זיי זאלן זוכה זיין צו הערן די שופר בלאזן.

איינס פון די זאכן וואס העלפן ארויס פאר'ן בעל תוקע צו בלאזן גוטע תקיעות איז א גוטער שופר, און זוכנדיג אז די תקיעות זאלן זיין אויפ'ן בעסטן פארנעם וועל איך זיך יאר יערליך אויסזוכן א גוטן שופר און מיט איר בלאזן די תקיעות.

די שופר בלאזן טוה איך לשם מצוה, איך וויל מזכה זיין אידן, אבער דורכאויס די יאר בין איך א מלמד אין חדר, איך לערן מיט קינדער און עס האט זיך געמאכט אז איין יאר בעפאר ראש השנה האט מען סארטירט אן אלטער פארלאזטער סטארעדזש צימער און דארטן אנטדעקט אן אלטער שופר.

ווי עס זעט זיך אויס האט מען דער שופר גענוצט צו ווייזן פאר די קינדער וויאזוי מען בלאזט שופר. זעענדיג דעם שופר האב איך געטראכט צו מיר אז עס קען זיין א גוטער שופר, און איך האב עס אויספראבירט און עס האט געבלאזן זייער גוט.

איך בין אזוי באגייסטערט געווארן פון דעם שופר אז איך האב עס געוואלט אויסטוישן מיט מיין שופר, אבער איידער איך האב עס געטון האב איך באשלאסן אז כ'גיי עס באטראכטן פון די נאנט.

איך האב עס צוגעלייגט צו מיר און עס באטראכט, עס האט אויסגעזען אויסטערליש גוט, אבער דאן האב איך באשלאסן אז איך גיי עס לייגן נעבן פייער און עס אויסברענען אבער דא האט פאסירט א מאדנע זאך.

ווי נאר איך האב עס געלייגט נעבן פייער האט דער שופר אנגעהויבן צוגיין. יעצט האב איך שוין פארשטאנען וואס עס גייט דא פאר, די שופר איז געווען געמאכט פון פלעסטיק.

איך האב נישט געגלייבט וואס איך זעה, דער שופר האט אויסגעזען עכט און דא זעט מען אז עס איז געמאכט פון פלעסטיק. איך האב געדאנקט הקב"ה אז ער האט מיר געהאלפן עס צו אנטדעקן באצייטענס, ווען נישט וואלט איך חלילה געבלאזן מיט א פסול'ע שופר און מיט דעם מוציא געווען דער ציבור.

אינאיינוועגס האב איך זיך אויך דערלערנט פארוואס עס איז אזוי וויכטיג אז א שופר זאל האבן א הכשר, ווייל עס קען אויסזען גענוי די זעלבע, אבער זיין פסול.

## א 'מחילה' און א 'סליחה' פאר די תקיעות

דעם לעצטן זומער איז געווען פאר מיר זייער

## עננו בעת רצון עננו

די מעשה וואס כ'גיי דא דערציילן האט פאסירט מיט איין און א האלב יאר צוריק.

עס איז דעמאלטס געווען דער יום טוב פסח תשפ"ב, ווען מיין גרויסע שוועסטער האט מיר איינגעלאדענט אז איך זאל איר גאסט אויף יום טוב. איך האב אנגענומען די איינלאדונג און איבערגעלאזט מיין באקוועמער היים און זיך אריינגעצויגן צו מיין שוועסטער אין שטוב.

די סיבה פארוואס איך האב מסכים געווען דערצו, איז געווען פארשטייענדיג די סיבה פארוואס מיין שוועסטער האט מיר גערופן צו איר אין שטוב. מיין שוועסטער האלט שוין היינט איבער צען יאר פון די חתונה און זי האט נאכנישט זוכה געווען צו האבן אייגענע קינדער און וועלנדיג שפירן אביסל וואס עס מיינט א יום טוב מיט קינדער, א איבערקערעניש און אויך גלייבנדיג אז דאס איז א סגולה פאר קינדער, האט זי אונז איינגעלאדענט און מיר האבן עס אנגענומען.

די שבת און אויך דער יום טוב איז אריבער מיט גרויס דערהויבנקייט.ביידע פון זיי האבן שווער געארבעט אז אלעס זאל זיין אהערגעשטעלט אויפ'ן שענסטן און בעסטן פארנעם. איך אנהייב זענען מיר געווען באזארגט אז די רעש וואס די קינדער מאכן און די געפילדער וועלן זיי שטערן, אבער זיי האבן עס אויפגענומען מיט א פארשטענדעניש.

דער יום טוב איז פארביי און מיט שווערע געפילן האבן מיר זיך געשיידט, פון טיפן הארצן האבן מיר זיי געווינטשן אז אויך ביי זאל ווערן לעכטיג.

דער יום טוב איז געווען געשמאק, אבער עס האט אונז איבערגעלאזט מיט א שווערע געפיל. נאך אלעם זענען מיר אין א שטוב וואו עס ווירבלט מיט קינדער, און ביי זיי איז ליידיג און מיר האבן געשפירט אז מיר מוזן טון מער ווי ביז היינט.

ביז היינט האבן מיר כסדר מתפלל געווען פאר איר, אז זי זאל געהאלפן ווערן מיט קינדער, אבער מיר האבן געשפירט אז מיר מוזן מער מתפלל זיין פאר איר אז זי זאל האבן קינדער.

אבער וואס קענען מיר טון מער וואס מיר טון יעצט? האבן מיר זיך געוואונדערט. נישט טרעפנדיג וואס עס קען זיין, האבן מיר מתפלל געווען צו הקב"ה אז ער זאל אונז העלפן טרעפן א וועג.

"איך ווייס אויך נישט וואס איך קען טון", האב איך מתפלל געווען.

"איך בעט דיר אז דו זאלסט מיר ליכטיג מאכן אין מיינע וועגן", האב איך ווייטער געבעטן.

א טאג שפעטער האב איך געהאט די הרגשה אז אין הימל האט מען געהערט מיין געבעט.

ווי עס איז איינגעפירט אין אלע קהילות בישראל, איז אויך ביי אונז דא חול המועד שיעורים און איך האב זיך צוגעזעצט צו א שיעור און זיך איינגעהערט דערצו.

ביי די שיעור וואס איך האב אויסגעהערט האט זיך אויפגעשטעלט א דרשן און אנגעהויבן זיין דרשה. דער בעל דרשן האט גערעדט און אינמיטן די דרשה האט זיך דערוועקט א שאלה, עס האט זיך אנגעהויבן א טענה'ריי, דער האט געזאגט אזוי, דער אזוי און אנדערע האבן נאר געוואלט אז דער בעל דרשן זאל ממשיך זיין, ווייל דער פרעגער רעדט נישט צו די זאך.

עס איז געווארן א שטיקל געפילדער, די רעש האט געשטערט פאר דער בעל דרשן און זעענדיג אז ער קריכט נישט ארויס האט ער אנגעהויבן שרייען בקול רעש גדול אז עס זאל זיין שטיל, ווען מיטאמאל שפיר איך ווי ער רעדט צו מיר און ער שרייט אויף מיר.

איך האב נישט געקענט פארשטיין וואו קום אריין אין בילד? איך האב דאך בכלל נישט גערעדט אדער עפעס געזאגט, אבער איך האב זיך גלייך געכאפט אז פון הימל האט מען מיר מזמין געווען בזיונות.

די בושות איז געווען זייער גרויס און זייער ביטער. אין שול איז דעמאלטס

אלפי יהודים כבר יושבים ומתענגים על המגזין החדש והמושקע
השגחה פרטית לכל המשפחה
הצטרפו גם אתם התקשרו עוד היום ל-
02-6246845
ניתן להצטרף גם בעמדת נדרים פלוס תחת השם: "מגזין השגחה פרטית"
בך בטחו סיפורים קצרים ועובדות מגדולי ישראל בנושא אמונה ובטחון
שטח פרטי סיפורים אישיים על השגחה פרטית
להתעמק מאמר עומק
בחזית האמונה סיפור אישי

געווען אנוועזנד מער ווי 250 אידן און אלע האבן געקוקט אויף מיר, איך האב געוואלט אז די ערד זאל זיך עפענען, אבער עס האט זיך נישט געעפענט.

פאר א רגע האב איך פראבירט צו זאגן אז עס האט גארנישט מיט מיר, אבער עס האט נאר ערגער געמאכט, יעדער ווארט וואס איך האב געזאגט האט נאר ערגער געמאכט די סיטואציע. עס איז נישט געווען שייך צו מאכן פליטה, ווייל דאס וואלט נאר ערגער געמאכט דער מצב, איך האב אויסגעווארט די דרשה זאל זיך ענדיגן און איך האב געהויבן הענט און פוס און אנטלאפן פון דארט.

רויט און דערנידערט בין איך אנגעקומען אין שטוב, צו מיין מזל איז קיין איינער נישט געווען אין שטוב, אזוי אז איך האב געקענט קומען צו מיר און זיך בארויגן.

נאך א מזל אז די מעשה האט פאסירט אין יאר תשפ"ב, נאך דעם וואס כ'הער שוין אויס די האטליניע פאר מער ווי פיר יאר, אזוי אז איך האב געוואוסט זיך צו שטארקן. איך האב זיך געשטארקט און ארויסגעזאגט פון מויל אז איך בין מוחל פאר דעם בעל דרשן און בזכות זה זאל מיין שוועסטער געהאלפן ווערן מיט זרע של קיימא.

איך האב עס געזאגט מיטן גאנצן הארץ, אבער טיף אינעווייניג האב איך מורא געהאט אז דער איינדרוק וועט אויסוועפן און זוכנדיג נאך וואס עס זאל מיר שטארקן האב איך אריינגעקלינגען אין די האטליניע און געדרוקט אויף די נומערן 242 וואו מען קען הערן די לעצטערע געשעענישן וואס עס איז אריינגעקומען אין די האטליניע, זוכנדיג נאך א מעשה וואס עס קען מיר שטארקן און אט האט זיך אויפגעמישט א מעשה, וואס א איד האט לעצטענס דערציילט.

די מעשה איז געווען פון א חזן וואס מען האט איינגעלאדענט א יאר פריער אויף אויסלאנד ער זאל קומען מהנה זיין דעם ציבור מיט זיינע חזנות לכבוד א שבת שבע ברכות. אין יענער שול איז געווען אן אלטער איד וואס האט געטראכט אז די ברעטל געהער צו אים, און אנגעהויבן שרייען אויף דעם איד.

די שבת שבע ברכות איז אויסגעפאלן שבת פרה, און דער איד האט געשריגן אויף אים קולי קולות אז וועגן דעם איז ער געקומען צוגיין פרשת פרה ווייל ער אליין איז א פרה אדומה...

דער חזן האט געטוישט קאלירן. ער האט זיך נישט געראכטן אז ער גייט אריינכאפן אזא שויער, און נאך איידער ער האט געטראכט עפעס צו טון איז א איד צוגעקומען צו אים און זיך געבעטן ביי אים אז ער זאל זיך איינהאלטן און נישט ענטפערן, נאר זאל אוועקגעבן די זכות פאר זיינער א נאנטער וואס ווארט שוין זיבן יאר אויף קינדער. דער חזן האט גלייך מסכים געווען און אנגעווינטשן פאר יענעם.

ווען דער חזן הרב יחזקאל ברעכער האט זיך צוריקגעקערט אהיים און איבערדערציילט אין שטוב וואס עס האט מיט אים פאסירט, האט זיין בני בית געהאט צו אים א טענה. זי האט גע'טענה'ט אז די משפחה איז ערשט.

"מיר האבן אין די משפחה א בחור אין די דרייסיגער יארן, ער קוקט שוין אויס יארן אויף א שידוך".

ר' יחזקאל האט געענטפערט אז די בושות זענען אזוי ארויס אז מען קען עס צעטיילן אויף צוויי, און אנגעווינטשן אז דער בחור זאל א חתן ווערן.

עטליכע וואכן איז פארביי. דער דרייסיג יעריגער בחור איז א חתן געווארן און די פארפאלק איז געהאלפן געווארן ביז צום יאר מיט א קינד, און א יאר דערויף איז דער ר' יחזקאל צוריקגעפארן אהין אויף דעם זעלבן שבת, צו פראווענען דער גליקליכער קידוש.

די מעשה האב איך געהערט אריינקלינגענדיג אין די האטליניע. עס האט זיך דערוועקט אין מיר די עת רצון צו בעטן אויף ביידע זאכן. אויך ביי אונז אין די משפחה איז דא א איד וואס קוקט אויס אויף א שידוך, און אויך מיין שוועסטער וואס דארף געהאלפן ווערן מיט קינדער, און אויך פאר א נאנטער אין די משפחה וואס האט נאר איין טאכטער און ווארט שוין זיבן יאר צו געהאלפן ווערן מיט נאך א קינד.

דערביי האב איך אויך צוגעזאגט אז ווען זיי וועלן געהאלפן ווערן וועל איך ארויפלייגן די מעשה אויפ'ן האטליניע און יעצט בין איך מקיים מיין הבטחה.

יעצט, שטייענדיג א יאר שפעטער פון יענער געשעעניש, האלט מען נאך דעם וואס מיין טאכטער האט געהאט איר ערשטן קינד, נאך די חתונה פון יענער עלטערער בחור און מיין נאנטער האט געהאט א יונגעל נאך זיבן יאר ווארטן.

איך דאנק הקב"ה פאר די יעניגע בזיונות, און אז איך האב געקענט זיין דער ריכטיגער שליח צו העלפן מיין שוועסטער און ממשיך זיין פאר נאך אידן א ישועה.

א שווערע זומער.
אלעס האט זיך אנגעהויבן ווען עס האט זיך ענטוויקלט ביי מיין קינד א געזונט פעלער. די פעלער איז געווען זייער ערנסט און זייער שווער און עס האט אריינגענומען אין זיך זייער אסאך קאמפליקאציעס, און עס האט צווישן אנדערע געפאדערט פון אונז אז מיר זאלן אפזיצן טעג און וואכן אין שפיטאל.

די איבערלעבעניש אין א שפיטאל איז געווען ביטער שווער. די שטוב האט נישט געהעריג פונקציאנירט, די קינדער זענען געווען צוגעפלויגן, עס איז געווען א טראגישע איבערלעבעניש וואס כ'ווינטש נישט פאר קיין איינעם.

ביני לביני איז אונטערגעקומען דער הייליגער ראש חודש אלול און איך האב זיך אוועקגעזעצט מאכן א שטיקל חשבון הנפש. ווי א איד האב איך אסאך אריינגעטראכט בשל מה הרעה הזאת, וואס קען איך זיך פארבעסערן און וואו קען איך ווערן בעסער.

די מחשבות אין מיין קאפ האט גאלאפירט זייער שנעל, און כ'האב זיך דערמאנט פון א געשעעניש וואס האט פאסירט מיט מיר יארן פריער ווען איך בין נאך געווען א קינד אין תלמוד תורה.

אין יענער צייט האט אמאל אויסגעבראכן א שווערע געשלעג צווישן מיר און די חברים פון כיתה. ווי עס איז דער שטייגער פון קינדער איז די געשלעג ארויף אויף הויכע טענער און איך האב איינעם פון זיי דערלאנגט שטארקע פעטש.

די פעטש איז געווען מיט'ן גאנצן הארץ און דאס קינד האט גוט געוויינט, אבער איך האב אים נישט אפגעשוינט נאר זיך געפריידט אז כאטש שפירט ער עס גוט.

פון די יעניגע געשעעניש זענען אריבערגעלאפן לאנגע יארן, איך האב חתונה געהאט, ער האט חתונה געהאט און מיר האבן ביידע פארגעסן פון די געשעעניש.

"אפשר דארף איך אים איבערבעטן"?

די געדאנק איז מיר געלעגן אין קאפ, אבער לויט וויפיל כ'ווייס וואוינט יענער אין א צווייטע שטאט און איך האב זיך געוואונדערט: וואו וועל איך אים טרעפן? איך האב געטון וואס א איד קען טון אין אזא פאל, איך האב מתפלל געווען צום רבוש"ע ער זאל מיר מזמין זיין דעם חבר.

עס איז געווען ראש השנה ביינאכט, ווען פלוצלונג באגעגען איך זיך מיט דער יונגערמאן, ער שפאצירט דא פאר מיינע אויגן.

איך האב אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך דערנענטערט צו אים און אים דערציילט וואס עס ליגט מיר אויפ'ן הארצן. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז ער האט ממש יעצט געהאט א קינד און ער איז דא ביי זיין שווער.

דערציילנדיג פאר אים וואס איך וויל פון אים האט ער מיר גלייך מוחל געווען.

איך האב געדאנקט הקב"ה אז איך האב אים געקענט טרעפן אין א גרינגע וועג און זיך אפגעלערנט פון דעם אז ווען א איד וויל תשובה טון וועט מען אים אייביג מזמין זיין די ריכטיגע וועג, וויאזוי ער זאל קענען אויספירן זיין תשובה.


לראות אמונה בעיניים
ראיון שנותן כח
הומור בצד
להכניס אמונה הביתה
מאמר לאמא שרוצה יותר
באמת
מדור שיתוף - סיפורים אישיים של נשים בנושא השגחה פרטית
עלילות המשגיחים
ספור קומיקס אמתי
זה קרה לי
ספור אמתי מהחיים
משגיחים וזוכים
הכל לטובה
מאחורי הקלעים
ילדים מספרים
ועוד...

# צוהערער פרעגן

שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

עס איז איינגעפירט ביי אונז אז ווען מען מאכט חתונה די קינדער געבט מען פאר די טעכטער א גרעסערע סומע ווי פאר די זין. געווענליך איז אזא נתינה א טייל פון די שידוך. איך האלט יעצט פאר אזא שידוך, און איך וואלט געוואלט וויסן צי איך מעג זאגן אז איך געב נישט פאר מיין טאכטער א גרעסערע סומע און זיך פארלאזן אז איך וועל טרעפן פאר איר א שידוך אויך אזוי, אדער איז דאס א טייל פון די בטחון אז איך זאל זיך פארלאזן אז ווייל ביי אונז איז איינגעפירט אז מען געבט יא, אז השי"ת וועט מיר שיקן אויך די סומע געלט וואס עס פעלט זיך אויס ביי די שידוך?

שאלה נומער 73 — א' ש' בני ברק

**אויפמערקזאמקייט: די אלע דערמאנטע תשובות וואס ווערן דא אראפגעברענגט זענען נישט קיין תשובות אויף הלכה למעשה. עס איז נאר א שמועס צווישן חברים דורך די חשובע לייענער. אויף די הלכה למעשה פון יעדער איינער זאל זיך יעדער מקיים זיין דער 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין פוסק אין די ענינים.**

## לויט די מנהג המקום

**הרב ישי מזלומיאן פון חולון, הרב צבי הארטשטיין פון בית שמש:** ווען עס קומט צו בטחון דארף א איד האבן א קלארקייט אויף וועלכע דרגה ער איז, ווייל בטחון איז נישט א דמיון אדער א חלום. אז א איד איז דערביי קען ער זיך אונטערנעמען זאכן וואס ער זעט נישט מיט זיינע אייגענע אויגן. אויב ער איז נישט דערביי האט ער זיך נישט וואס אונטערצונעמען. דער בעסטער וועג וויאזוי א איד קען ער וויסן צי ער איז אויף די דרגה אדער נישט איז צו זען וויאזוי וועט ער רעאגירן ווען זיין מחותן נעמט זיך אונטער צו געבן און ער האט נישט ביי זיך, נאר ער האט בטחון. צי וואלט ער געווען רואיג מיט דעם צי נישט. אויב יא, איז א סימן אז ער האלט שוין ביי די דרגה און ער קען אריינגיין אין אזאנע דרגות.

**הרב אהרן בייפס פון רכסים, הרב שאול ראטמאן פון מודיעין עילית, הרב אלעד שליט פון חשמונאים און הרב יוסף ווייס פון בית שמש:** שידוכים און חתונה מאכן קינדער איז למעלה מדרך הטבע. עס איז העכער ווי די שכל און ווי די לאגישע פארשטאנד. ווי עס זעט אויס איז דער רצון השם אז מען זאל זיך פירן ווי אלע פירן זיך, און אז דו געהערסט אין א געוויסע קהילה דארפסטו זיך פירן אזוי ווי דער מנהג המקום, אפילו אז דו האסט נישט, און אזוי איז אויך די הוראה פון אסאך גדולי הדור, זיך צו פירן אזוי ווי מען פירט זיך אויפ'ן ארט וואו דו געהערסט.

**הרב שלמה שמעון ראטמאן פון בית שמש, הרב ברוך שאג פון ירושלים:** די נושא פון געבן פאר א טאכטער ווען זי האט חתונה ווערט שוין דערמאנט אין די גמרא. חז"ל זאגן [כתובות נב ע"ב] אז מען זאל געבן און בפרט אויב מען גייט איר חתונה מאכן מיט א מאן א תלמיד חכם. דער מהלך איז אז מען זאל זיך מתחייב זיין אזוי ווי עס איז מקובל און ער זאל זיך פארלאזן אויף הקב"ה אז ער וועט אים מזמין זיין די איבריגע.

**הרב אברהם בערנהויט פון בני ברק:** פון דיינע ווערטער דערקענט זיך אז דו פארלאזסט זיך אויף השי"ת אז אויף א געהעריגע שידוך וואלט ער דיר געגעבן, און דו זארגסט זיך נאר ווייל דו ווילסט געבן מער ווי נארמאל. אויב עס איז אזוי, דארפסטו טאקע טון א געהעריגע שידוך, ווייל בטחון איז מקובל אז יעדער איינער האט בטחון לויט זיין דרגה, און אויב דיין דרגה איז שוואך קענסטו נאר ערווארטן ווייניג.

**הרב אליהו סירקיש פון בני ברק:** עס איז ידוע אז די געווינטשענע השתדלות איז לויט וויפיל עס פעלט זיך אויס, און אין ספר דרך מצותיך [מאמר גילוח מצורע] שרייבט ער אז די צרכים איז לויט דער סדר העולם. לויט דעם יסוד קומט אויס אז דו דארפסט זיך פירן אזוי ווי עס איז דער סדר העולם, און דו קענסט זיין רואיג אז דו וועסט האבן וואס דו דארפסט.

פאר זיין טאכטער און ווייל עס איז אזא חשוב'ע מצוה, דארף זיך דער טאטע אנשטרענגען מער ווי נארמאל. אויב עס איז למעלה מיכלתו זאל ער זיך מתייעץ זיין אין דעם נושא מיט זיין רבי.

## דער רבוש"ע איז מזווג זיווגים

**הרב יהודה געווירצמאן פון בית שמש:** דער כלל איז אז מען קען נישט חתונה מאכן די קינדער אן די מידה פון בטחון. דער איד קען זיך אויסוועלן צי ער זאל האבן בטחון אין געלט זאכן אדער ווען עס קומט צו די שידוך. אויב וועט ער זיך אפהאלטן פון טון א שידוך וועגן געלט, וועט ער מוזן האבן בטחון ווען עס קומט צו טרעפן א שידוך. אויב וועט ער יא טון די שידוך, וועט ער מוזן האבן בטחון ווען עס קומט צו געלט זאכן, ווייל אן א פעסטער בטחון גייט עס נישט.

**הרב אסף נתן פון פתח תקווה:** אין הלכה (ראה שו"ע אבן-העזר סי' נ"ח ס"א) ווערט גע'פסק'נט אז ווען מ'מאכט חתונה א טאכטער זאל מען געבן ווייניג, אבער דער סדר העולם איז אז מען געבט יא און מען דארף נישט משנה זיין, אבער מיט דעם אלעם זעט אויס אז מען זאל נישט געבן מער ווי די יכולת פון א מענטש איז צו געבן.

**הרב זאב אריה שטיגליץ פון בני ברק:** אסאך גוטע אידן צוימען איין די הוצאות ווען זיי מאכן חתונה זייערע קינדער. די אידן פארלאזן זיך אז הקב"ה וועט זיי מזמין זיין די ריכטיגע וועג אפילו אז זיי זענען איינגעצוימטער. ווער עס פירט זיך אזוי העלפט אים הקב"ה אז ער טרעפט א גוטער זיווג, אויך ווען ער שפָּארט זיך איין.

**הרב עמרם בן דהאן פון ירושלים:** א מענטש דארף זיך נישט אריינלייגן אין חובות נאר אז ער ווייסט פון פאראויס וויאזוי ער גייט עס באצאלן. מיט דעם אלעם איז גוט אז מען געבט וויפיל מען קען און אויף די איבריגע זאל מען זיך פארלאזן אויף הקב"ה. עס דארף זיין קלאר אז אזוי ווי מען האט בטחון אויף גרויס געלט, דארף מען אויך האבן בטחון ווען עס קומט זיך צו פארלאזן אז מען וועט טרעפן א גוטער שידוך מיט א קליינע התחייבות.

## א שאלה פאר גליון 124

איך בין א כולל יונגערמאן. אין די כוללים איז איינגעפירט אז מען געבט א מינימאלע געהאלט, אבער עס איז אויך דא באנוסעס אבער די באנוסעס קומען מיט תנאים ווי למשל אז מען זאגט יעדן טאג עטליכע קאפיטלעך תהלים און מען האט אינזינען דער נדבן, באקומט מען אביסל מער געלט, אז מען לערנט דעם לימוד איז דא דער באנוס, און אזוי ווייטער. פאר יעדע זאך וואס מען לייגט צו פארדינט מען מער. די זאך איז אז די אלע צוגעלייגעכצער רויבט צו פון מיר מיין ישוב הדעת. עס שטערט מיר אויסצופירן דער מאמר חז"ל אז א מענטש זאל לערנען מה שלבו חפץ. די שאלה איז: צי איך בין מחוייב עס צו טון וועגן השתדלות, אדער נישט?

ד' י' אשדוד

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 < 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת האזינו. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט

אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' יהודה מאנדעל שליט"א פון לעיקוואד
## ראש השנה - צייט פון שמחה מיט יראה

אין דער הייליגער יום טוב ראש השנה איז דא א זעלטענער שילוב. מצד אחד איז עס א שרעקעדיגער טאג. מען רופט עס אן די ימים הנוראים און עס איז 'נורא' כפשוטו, עס איז א יום הדין, די גאנצע וועלט ווערט נידון, מי לחיים ומי למות, אבער מצד שני וויל הקב"ה אז דווקא אין אזא טאג זאל א איד זיין פול מיט שמחה, מיט בטחון.

דער משגיח רבי שלמה וואלבע זצ"ל שרייבט אין זיינע ספרים, אז וואויל איז פאר דער וואס איז זוכה צו שמחה ביי תקיעות. עס איז אויך ידוע אז אויפ'ן גר"א האט מען געזען א מורא'דיגע שמחה ביי די תקיעות.

מען פריידט זיך ווייל אין דעם טאג איז ממליך דעם רבוש"ע אויף די וועלט.

פארוואס זענען מיר דא אויף די וועלט? א איד ווייסט די תשובה, עס איז - צו זיין מחובר צו השי"ת. ווען מיר וואלטן נישט געזינדיגט וואלט מען עס געשפירט, אבער די חטאים זענען מפריד צווישן א איד און הקב"ה און דער איד שפירט עס נישט, אבער אין דעם גרויסן טאג פון ראש השנה באנייעט זיך דער חיבור צו הקב"ה און וועגן דעם דארפן מיר זיך פרייען מיט הקב"ה, מיט זיין מלכות, מיר זענען בשמחה אז מיר זענען אנגעבינדן אין זיין מלכות און נישט אין די מלכות הטומאה און ווען הקב"ה זעט אז א איד איז פרייליך מיט זיין מלוכה און איז נאנט מיט אים, געבט ער אונז אסאך מער ווי מיר בעטן.

יעדער איד וואס גייט נאך געלט, ווייסט אז עס איז דא צוויי וועגן וויאזוי מען קען בעטן עפעס פון א צווייטן. מען קען בעטן מיט פחד, שטאמלדיג, דערשראקן, אדער מען קען בעטן מיט א שמחה, מיט א פריינטליכקייט, און ווען א איד בעט פריינטליך, גוטמוטיג, וועט ער ארויסבאקומען אסאך מער ווי ווען ער בעט מיט נערוועזקייט.

אבער פון די צווייטע זייט איז עס א יום המשפט. עס איז א טאג וואס מען שרייט אויס אין הימל 'מי יחיה ומי ימות' און מיר מוזן ציטערן, אבער ווייל מיר זענען פרייליך מיט מלכות ה' און אויף די מעגליכקייט וואס מיר באקומען זיך צו קענען דערנענטערן צו אים נאכאמאל און מיר פארלאזן זיך אויף רוב רחמיו וחסדיו, דאן אפילו מיר זענען נישט ראוי, עס קומט אונז א שטראף, וועט הקב"ה שוין טרעפן א וועג וויאזוי מליץ יושר צו זיין אויף אונז, גוזר צו זיין נאר גוטס, און וועגן דעם דארף מען וויסן אז מצד אחד איז דא פחד, אבער מצד שני איז אויך דא אויפוועמען מיר קענען זיך פארלאזן.

דער עיקר איז מיר זאלן נישט ווערן פארהאנקערט מיט די פחד, מיר טארן נישט פארגעסן די חביבות וואס השי"ת האט צו אונז און וועגן דעם וועלן מיר זיך פארלאזן אויף הקב"ה, אפילו אז מען שפירט זיך א רשע, דארף מען געדענקען אז אפילו א רשע וואס איז זיך בוטח בהשם איז זוכה צו חסד יסובבנו.

די וועג איז די בעסטע וועג צו טון תשובה, צוריק צו קומען צו הקב"ה און זיין נאנט מיט אים.

זאל מען זוכה זיין דערצו און ווערן פארשריבן בספרן של צדיקים.

**די שיעורים פון הרה"צ ר' יהודה מנדל שליט"א ווער ארויפגעלייגט דורכאוס די וואך אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש, אין נומער 2 < 2** [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

### מצד די באקומער

פון טיפן הארצן וויל איך דא אויסדרוקן מיין טיפער דאנק אויף די הייליגע אונטערנעמונג וואס איר שטעלט דא צו. עס איז הצלת הדור אין פולן זין פוןווארט. מען לעבט היינט אין א שווערע דור, אידן ווילן האבן אמונה אבער עס איז שווער און איר העלפט ארויס אז מען זאל עס קענען האבן. איך האב הנאה פון אלעס, אבער א ספעציעלער געשמאק האב איך אין די שיעורים פון ר' דוד קלעצקין שליט"א, עס איז מחיה נפשות, א דאנק פאר אלעס.

### מצד די געבער

פאר ווייניגער ווי א חודש צוריק האב איך תורם געווען געלט אז מען זאל אויסשפרייטן די גליונות אין א גאנצער געגנט. איך האב עס געטון פאר'ן זכות אז מיין זון וואס איז אלט 25 יאר זאל א חתן ווערן. עס איז נישט אריבער קיין גאנצער חודש און מיין זון איז שוין א חתן.

ישעיהו י.


נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט
און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק
**צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים**
**רוף יעצט אריין: 02.6313.742**

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
| --- | --- | --- |
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |

## טייערע לייענער

לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די אי מעיל'ס אדער אין די געדרוקטע קובצים פון די גליונות.

מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערוייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.

אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט פארבינדט זיך מיט אונז אויפ'ן נומער:

**9722-6-313-742**

ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט
**קלינגט אריין אין אפיס**
**02-5866-075**
מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00
אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל,
שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM
דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש


דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער איסהערן קריאת התורה